פּאַרריסטע דיקע מויער אַקעגן פענסטער האָט זיך צוגערוקט צו די סאַמע שויבן, געהויכט מיט אימה פון אַלע אירע שפּאַלטן און לעכער. אין דער ליידיקער קעלט האָט מען געהערט דאָס שלעפן זיך פון דיקע מייז, אַ אומפאַרשטענדלעך רודערן. עפּעס האָט געפלאַטערט איבערן קאָפּ שאַרכנדיק און קיל, ווי ס׳זאָל פליען אַ פלעדערמויז. די אַלטע האָט נישט געקאָנט איינדרימלען, אויפגעשטאַנען מיט אָפּגענומענע פיס און אָנגעצונדן דאָס קליינע רויטע לעמפּעלע. די זקנה האָט שווער געקרעכצט, געטראַכט, אַז מער דאָ פאַרבלייבן צוזאַמען מיט די שדים טאָר זי נישט, געשעפּטשעט אַ תּפילה און אַנידערגעקניט פאַר דעם הייליקן בילדל — געוויינט און היסטעריש געבעטן ביי יעזוסן ער זאָל זי וואָס גיכער אויסלייזן פון דעם טיי..אַנישן הויז...

▼▼▼▼▼▼▼▼▼▼

ב ר ו נ אָ  י אַ ש י ע נ ס ק י

# די רעפּובליק בעלעוויל

*(אַ קאַפּיטל פון ראָמאַן „כ׳פּאַרברען פּאַריז“)*

(סוף)

בעת דער חבר לעקאָק איז פאַרבליבן אַליין אין צימער, האָט שוין אינדרויסן געטאָגט, און אויף די פענסטער, די פאַרקאָפּטשעטע מיט דער סאַזשע פון נאַכט, האָט מיט אַ מאַטאָווע-ווייסן וויטראַזש זיך אינקרוסטירט די קליינע אַל-וועלט פון דער גאַס.

דער חבר לעקאָק האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און געפּרוווט איינשלאָפן. דער חלום, וואָס איז שוין איינמאָל אַוועקגעטריבן געוואָרן, האָט זיך שוין נישט אומגעקערט. לעקאָק האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער פּאָליצע און אַראָפּגענומען אַ בוך. ער האָט אויפגעעפנט. לענין: „די אויפגאַבן פונם פּראָלעטאַריאַט“. ער האָט געפּרוווט לייענען.

די געדאַנקען, ווי טאָטשענדיקע ווערעמלעך, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט אַריינבאַקומען אין מח אַריין, האָבן זיך ברוגזע אומגעקערט צווישן די שוואַרצע שורות-בייטן. דער חבר לעקאָק האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך און זיך איינגעקוקט אין סופית.

פון ערגעץ, פונם זכרון-שפּיגל, האָט, ווי אַ פאַרשפּעטיקט אָפּשלאָגן זיך, אויפגעטויכט אַ טונקל-ברוין, פון ווינטן געשמיסן פּנים, ס׳האָבן אָפּגעקלונגען ווערטער פּשוטע, צעשמייכלטע: „זיי וועלן דערהרגענען, וועלן זיי אויסהרגענען אַ צען יונגען. צען איז דאָך נישט די גאַנצע קאָמונע. מ׳דאַרף פּרוּוון“.

דער חבר לעקאָק האָט זיך צעשמייכלט: אַמביציע? מוטיקייט? אָדער טאַקע באמת אַ שטאַרקע ליבשאַפט פאַר דער קאָמונע?

ער האָט זיך באַגעגנט מיט די מענטשן יעדן טאָג, פון יאָרן אָן, פּנים-אל-פּנים נאָך אין אוניווערסיטעט, איז דער זון פונם אָרעמען גימנאַזיע - לערער געלאָפן פון דער סטודענטישער גאַר - קיך אויף דער פאַרזאַמלונג, כדי אויף אַ קאָנקרעטן אופן צו קאָנטראָלירן די שוואַרצע ציפערס פון דער סטאַטיסטיק. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו קוקן אין די אויגן, פון די קנייטשן, פון דעם אַקצענט פון די אויסרופן אַרויסצולייענען די טיפע עוולה, די אומפאַרהיילטע, די קאָנקרעטע; אין קאָנטור פון די ביי אַ געלעגנהייט אַרויסגעוואָרפענע, סאַקראַמענטאַלע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט“, „אימפּעריאַליזם“, האָט ער דערקענט די ציפערס פון די אָפּגעהאַקטע לוינען, דעם קאַליבער פון די דורכגעלעבטע דערנידערונגען. און פּלוצים — העלע, בלויע אויגן, אַ שמייכל און טויט. דער איינפלוס פון אַ ראָמאַנטישער לעקטור? העלדישקייט?

אויף דער ביורקע האָט אַ קלונג-געטון דער טעלעפאָן.

דער חבר לעקאָק איז אויפגעשטאַנען, אָפּגענומען דעם ראָפּאָרט, דערנאָך האָט ער אין דער שוואַרצער מושלע פון טרייבל איבערגעחזרט עטלעכע פאַראָרדנונגען. אויסציענדיק זיך נאָכאַמאָל אויפן האַרטן זעלנערישן בעט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, פאַרמאַכנדיק שוין די אויגן צום שלאָף, האָט ער אַ טראַכט געטון:

— זיי וועלן דעם יונג זיכער דערהרגענען. און ס׳איז אַ שאָד. די דזשומע וועט אַדורך, מ׳וועט דאַרפן בויען די קאָמונע — מ׳וועט דאַן אַזעלכע באַדאַרפן וואָס-מער.

און מיט די ליפּן ערגעץ אין חלום, ווי אַן אויסגעלערנטע לעקציע:

— אָבער דעמאָלט וועל איך שוין אויך נישט זיין...

דער שלאָף איז אָבער דאָך נישט געקומען. איבערדרייענדיק זיך פון זייט אויף זייט, האָט דער חבר לעקאָק פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אַ קוק-געטון אויפן זייגערל. פיר. ער האָט פאַרענדיקט דעם פּאַפּיראָס, ער איז אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן דאָס ליכט, צוגעגאַנגען צו דער ביורקע. פון דער שופלאָד האָט ער אַרויסגעצויגן אַ דיקן ברוליאָן אין אַ צעראַטענער הילע, וואָס איז געלעגן טיף באַהאַלטן אונטער די ראַפּאָרטן, און אים פאַנאַנדערגעלייגט אויפן טיש.

אָן קיינעמס וויסן האָט דער חבר לעקאָק געשריבן די געשיכטע פון פאַרדזשומעטן פּאַריז. ווען דעם, אַז ער האָט זיך אַמאָל פאַרנומען מיט ליטעראַטור, האָט ווייניק-ווער געוווסט. אין דער יוגנט האָט ער געשריבן לידער. משמעות, גאָרנישט קיין שלעכטע. ער האָט עס שוין פון לאַנג אויפגעהערט. ער האָט זיך געשעמט מיט זיינע ליטעראַרישע פעיקייטן, פּונקט ווי מיט זיין ערודיציע און זיין אינטעליגענטישע אָפּשטאַמונג. ווי אַ ווילדע קאַץ האָט ער זיך אָנגעשפּיצט מיט דער שטייפהאַריקייט, מיט די שטעכערס פון זעלנערישן לעקסיקאָן, מיט דער לאַפּידאַרער און גראָבער אויפפירונג.

די אומאויפהערלעכע פאַרשפּרייטונג פון דער דזשומע האָבן אין אים באַפעסטיקט די זיכערקייט, אַז פּאַריז איז אין דער רינג פון קאָרדאָן פאַרמשפּט אויף אויסשטאַרבן, אַז ס׳וועט נישט אַנטרינען ווערן פון איר קיין איין לעבעדיקער נפש.

אמת, באַלד פון דער ערשטער רגע, זינט ס׳איז אַנטשטאַנען די רעפּובליק, איז אויפן באַפעל פון צ. ק. אונטערגענומען געוואָרן די ענערגישסטע מיטלען צו באַקעמפן די מגפה. געניסנדיק פון דער מהומה, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די צעווילדעוועטע בורזשואַזע קוואַרטאַלן, האָט די רעפּובליק בעלעוויל אין אַ מוטיקן אָנפאַל פאַרנומען דעם פּאַסטער-אינסטיטוט און מיט לאַסט-אויטאָמאָבילן איבערגעפירט אויף איר טעריטאָריע זיין גאַנצן אינווענטאַר. אין די מוסטערהאַפט-איינגעאָרדנטע לאַבאָראַטאָריעס האָבן צענדליקער געלערטע, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער זאַך פונם פּראָלעטאַריאַט, טאָג און נאַכט מיט אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג געאַרבעט אויף אַ מיטל אומשעדלעך צו מאַכן דעם שטערבלעכן באַציל. טאָגטעגלעך האָט מען געמאַכט פּרווו-איינשפּריצונגען פון ניי-דערפינדענע הייל-סערומס, וואָס האָבן אָבער פּונקט ווי די פריערדיקע, נישט געבראַכט די נויטיקע רעזולטאַטן.

נאָך אַ חודש פון אַ רעזולטאַטלאָזן קאַמף, האָט דער חבר לעקאָק אויפגעהערט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ גינסטיקן רעזולטאַט. אויף די פּאָרפּאַלן, וואָס האָבן זיך אַרום אָפּגעשפּילט, האָט ער געקוקט מיט דער נייגיריקייט פון אַ נאַטורוויסנשאַפטלער, וואָס אָבסערווירט דאָס אָפּשטאַרבן פון די קעמערלעך. ער האָט געליטן צוליב דעם, וואָס אַזוי פיל דאָקומענטאַלער מאַטעריאַל וועט אומזיסט פאַרפאַלן ווערן, ער וועט קיינמאָל נישט ווערן די דעראָבערונג פון דער מענטשהייט. דער געדאַנק האָט אים געפּייניקט דורך די נעכט.

ס׳וועלן אַלע אויסשטאַרבן, ס׳וועט נישט בלייבן קיינער. וואָס זאָל פאַר די קומענדיקע דורות קאָנען פאַרשטעלן די אומפאַרגעסלעכע און משונהדיקע געשיכטע פון דער שטאָט.

ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אַליין, געהיים, אויפן סמך פון די צונויפגעקליבענע מאַטעריאַלן, דערציילונגען און אַליין-געזעענע פאַקטן אויפצושרייבן די כראָניק פון דער שטאָט. ער וועט שטאַרבן,